איז אזוי, ווייל די כלי איז געמאכט געווארן להיתר, איז מותר לטלטלו בשבת. מען מעג עס מטלטל זיין אויף אלע אופנים. מען מעג מטלטל זיין די כלי נישט נאר פאר דעם וואס זי איז געמאכט געווארן. דאס הייסט, א בעכער מעג מען נאר טרינקען? ניין, מען מעג מטלטל זיין א בעכער פאר זייער וועלכע מותר'דיגע זאך. וואס קען אלץ א מענטש דארפן רוקן זיין בעכער? בין לצורך עצמו של כלי, אדער פאר די... ער וויל טון מיט דעם וואס די כלי איז געמאכט געווארן, דאס הייסט ער וויל טרינקען דערמיט. אדער לצורך עצמו של כלי מיינט ער וויל פאר די כלי, ער וויל נעמען די בעכער ווייל ער וויל עס אפהיטן, ער וויל עס אפוואשן, וואטעווער ס'איז, ער וויל פאר די כלי.

**Speaker 2:** לצורך עצמו של כלי מיינט ער וויל היטן די כלי, ער וויל עס אוועקלייגן. פאר די היתר ליגט דאך שוין אין די ווארט אז ס'איז מלאכתו להיתר, מעג מען טון די מלאכה. דאס דארף ער שוין נישט זאגן. ס'ליגט שוין אין די ווארט מלאכתו להיתר.

**Speaker 1:** ניין, לצורך גופו קען מיינען אפילו נישט פאר די שימוש.

**Speaker 2:** אקעי, בין לצורך עצמו של כלי, ער טוט עס פאר די כלי. דער רמב"ם גייט געבן די גמרות פאר די אלע זאכן, וועלן מיר שוין זען. בין

לצורך עצמו של כלי, דארף ער די פלאץ וואו די כלי ליגט, ער דארף עס האבן, עס ליגט נישט אויף די גוטע פלאץ, ער וויל אריבערגיין א פלאץ. אדער לצורך גופו, סיי ער וויל עס פאר זיך, פאר אן אנדערע צורך, פאר סיי וועלכע צורך וואס איז די גופו פון די מענטש.

**Speaker 1:** צו וועלכע צורך מיינט נוצן די כלי. נישט גופו של אדם, גופו של כלי. גופו של כלי איז אז ער נוצט די כלי, צו פאר די ריזען פארוואס עס איז געמאכט, אדער פאר אן אנדערע ריזען, מ'וועט שוין זען.

**Speaker 2:** דער רמב"ם זאגט לצורך גופו של כלי, נישט אז מ'וויל עצמו של כלי. לצורך גופו פון דעם מענטש.

**Speaker 1:** ניין, ניין, לצורך עצמו של כלי מיינט נישט אז מ'נוצט... דאס איז די טייטש. לצורך עצמו של כלי מיינט אז מ'נוצט נישט מ'נוצט די כלי, נאר מ'איז משמש די כלי, מ'וויל עס אפהיטן, אדער אוועקלייגן, אדער מגין זיין דערויף. לצורך גופו מיינט אז מ'נוצט די כלי. מ'נוצט די כלי אדער פאר די ריזען פארוואס ס'איז געמאכט געווארן, אדער פאר אן אנדערע ריזען. אבער דאס איז די טייטש פון לצורך גופו.

**דין כלי שמלאכתו לאיסור**

וכל כלי שמלאכתו לאיסור, איז אויך מותר בין בשביל עצמו ובין בשביל מקומו, בין בשביל גופו. נאכאמאל, אינטערעסאנט די זעלבע זאך.

**Speaker 2:** קיינער זאגט נישט עפעס אויף דעם? איך האב נישט געזען, ניין. ס'איז אמאל געווען אין דעם עפעס א... איך ווייס נישט. איך ווייס נישט פארוואס.

**Speaker 1:** אקעי.

**דיסקוסיע: דער חילוק צווישן כלי שמלאכתו להיתר און לאיסור**

א כלי שמלאכתו להיתר, דא איז שוין אזוי, מותר לטלטלו בשבת, פאר די דריי זאכן וואס מ'האט אויסגערעכנט. צוויי פון דעם מעג מען אויך ביי א כלי שמלאכתו לאיסור, און איינס נישט. בין לצורך גופו, סיי ווען ער וויל די גוף האדם... ניין, ניין, גוף הכלי. גופו מיינט אלעמאל גוף הכלי. אבער גוף הכלי איז דאך מלאכתו לאיסור.

**Speaker 2:** ניין, ניין, ניין, אויב מ'נוצט עס פאר א דבר של היתר.

**Speaker 1:** פארוואס דו זאגסט אז גופו מיינט גוף הכלי? איך זאג גופו מיינט גופו פון דעם מענטש. איך ווייס נישט וואס דו זאגסט, איך טייטש גופו פון דעם מענטש. סיי ווען דער מענטש וויל עפעס פון זיין גוף, סיי ווען דער מענטש וויל די פלאץ פון די כלי. אבער צו באדינען די כלי טאר מען נישט.

**Speaker 2:** איך ווייס נישט פארוואס דו זאגסט אזוי נאכאמאל, ווייל דו מאכסט א פשוט'ע מיסטעיק. אין איין שטיקל גייט דער רמב"ם זאגן כדאי צו... די רמב"ם נוצט נישט די לשון לצורך גופו, אין די גמרא שטייט אלעמאל. לצורך גופו מיינט אלעמאל צורך הגוף הכלי.

**Speaker 1:** אבער וואס הייסט לצורך גוף הכלי? טאר מען נישט, ווייל ס'איז דאך מלאכתו לאיסור.

**Speaker 2:** זייער גוט, תירוץ איז, אז אויב מ'נוצט עס פאר אן אנדערע ריזען, נישט פאר די דבר עצמו, איז עס נישט גופו של כלי, איז עס גופו של אדם, ווייל דער מענטש נוצט עס. גופו של כלי איז דאך גופו של כלי, ס'הייסט להשתמש בכלי, דאס איז די טייטש גופו של כלי. דאס איז די טייטש.

**הלכה א (המשך) — דוגמאות פון די דינים**

זאגט די רמב"ם, כיצד? מטלטלין את הקורה של עץ לאכול בה, או ליישב במקומה, או שלא תגנב. א קורה של עץ איז א דבר המותר, מעג מען טון דריי זאכן: לאכול בה, דאס איז לגופו פון דעם מענטש, פון די כלי, וואטעווער, לאכול בה.

**Speaker 2:** לאכול בה צו עסן דערמיט, או ליישב במקומה.

**Speaker 1:** ניין, זה בשביל עצמו, שלא תגנב איז די בשביל עצמו.

**Speaker 2:** איי, צו לאכול בה איז דאך לצורך גופו, ליישב במקומה איז דאך לצורך מקומו, און די דריטע זאך איז כדי שלא תגנב, כדי די כלי זאל נישט גע'גנב'ט ווערן, וזה בשביל עצמו. די שלא תגנב, דאס טייטשט בשביל עצמו, כדי די כלי זאל נישט ווערן גע'גנב'ט, וואס דאס איז פאר די כדי ס'זאל קענען האבן די כלי, ס'איז כביכול פאר די טובה פון די כלי.

**וכן מטלטלין אותה מחמה כדי שלא תבוש ותשבר, או מפני הגשמים כדי שלא תרקב.** וואס נאך איז אן אופן פון בשביל עצמו? אז ס'זאל נישט גע'גנב'ט ווערן, ס'זאל נישט פארטריקנט ווערן ווען ס'איז אויף די זון, ס'זאל נישט נאס ווערן אדער אויפגעבלאזן ווערן ווען ס'איז אין די גשמים. הרי זה טלטול בשביל עצמה פאר די כלי, ומותר. און פארוואס איז דאס מותר? ווייל ס'איז א כלי שמלאכתו להיתר. ווייל ס'איז א כלי שמלאכתו להיתר, מעג איך זיך זארגן פאר די כלי, אריבערוקן די כלי אפילו ווען ס'איז א טובה פאר די כלי.

**דוגמא פון כלי שמלאכתו לאיסור**

**וכן מטלטלין ריחים או מכתשת לשבר עליה אגוזים.** מ'קען נוצן ריחים און מכתשת, וואס דאס איז א כלי שמלאכתו לאיסור, קען מען נוצן פאר אזעלכע זאכן ווי צו ברעכן ניסלעך, וואס דאס איז א דבר המותר, או לעלות עליה למטה, אדער ארויפצוגיין מיט דעם אויף די בעט. וזה לצורך גופו, דאס איז די טייטש פון לצורך גופו, פאר זאכן וואס דער מענטש דארף האבן. לצורך גופו, להשתמש בגוף הכלי.

**Speaker 1:** פארוואס זאגסטו אזוי? פארוואס זאגסטו אזוי? ס'איז דאך א שום ספק, איך טייטש אנדערש, און אזוי ווילן די אחרונים. איך טייטש לצורך גופו פון דעם מענטש. דו ווילסט פשוט לערנען אנדערש. ס'איז פשוט א טעות, I'm sorry, please, מאך נישט קיין מיסטעיק. דו גייסט זאגן, אקעי, מ'וועט באלד זען, מ'וועט באלד הערן און מ'וועט באלד זען, אבער ס'איז נישט דא קיין זאך פון דעם. לצורך גופו איז טייטש לצורך גוף של כלי, ס'איז טייטש להשתמש בה. להשתמש בה איז לצורך גופו פון דעם מענטש. מ'זאגט נישט קיין לצורך גופו אויף א מענטש. לצורך גופו מיינט צו נוצן די כלי, מ'מעג נוצן א כלי שמלאכתו לאיסור פאר א זאך וואס איז נישט קיין איסור. למשל, אריחיים אדער א מכתשת, מ'מעג נוצן פאר א דבר המותר. מ'מעג נוצן די אריחיים, סיי וועלכע כלי קען מען נוצן פאר א דבר שרי. אריחיים איז א כלי שמלאכתו לאיסור, א מכתשת אויכעט, מעג מען עס נוצן פאר א זאך

**טלטול כלים בשבת: כלי שמלאכתו לאיסור, דבר שאינו כלי, וטלטול שלא לצורך תשמישו**

**הגבלות בטלטול כלי שמלאכתו לאיסור**

אבער וואס טאר מען נישט טון מיט די ריחיים און מכתשת? איינס, **מטלטלין אותה שלא תישבר ולא כדי שלא תיגנב.** טו נישט מטלטל זיין כדי ס'זאל נישט צובראכן ווערן אדער כדי ס'זאל נישט גע'גנב'עט ווערן, **וכל כיוצא בזה.**

בעיסיקלי, וואס ס'איז געשטאנען אין דעם ביז יעצט, ס'איז געווען זייער אסאך ווערטער, אבער ביז יעצט איז געשטאנען איין זאך: אז א כלי שמלאכתו לאיסור, איז דאך זיכער אז לאיסור טאר מען עס נישט נוצן. מ'טאר נישט נוצן א ריחיים צו צעמאלן, ווייל מ'טאר נישט צעמאלן, דאס איז דאך זיכער. מ'טאר עס אויך נישט נוצן לצורך די כלי, דו טארסט נישט זיין ביזי מיט די כלי שמלאכתו לאיסור אויף שבת, עס אפהיטן אדער עס טראגן. אבער אלע אנדערע צרכים וואס איז מותר, מעג מען יא.

און א כלי שמלאכתו להיתר, ווייל די כלי איז להיתר, מעג מען אויך זיין ביזי זיך זארגן פאר די כלי, טראגן וויפיל עצמו פון די כלי. דאס איז כלים.

**דבר שאינו כלי — זאכן וואס זענען נישט קיין כלי**

אויסער כלים איז דא נאך מיני זאכן. זאגט דער רמב"ם, וואס טוט זיך מיט זאכן וואס זענען נישט קיין כלי? **כל שאינו כלי,** א זאך וואס איז נישט קיין כלי, **כגון אבנים ומעות,** געלט, שטיינער, **קנים,** שטרוי, און א זאך וואס

וואקסט, **קורות וכיוצא בהם**, זאכן וואס איז געמאכט פאר בנין, בקורות וכיוצא בהם, **איז אסור לטלטל**. אלע זאכן טאר מען נישט מטלטל זיין.

### אבן גדולה או קורה גדולה — די חידוש פון תורת כלי

**אבן גדולה או קורה גדולה**, א גרויסע שטיין אדער א גרויסע קורה, **אף על פי שאינו תלוש אסור לבנות בה**, אפילו אויב ס'איז זייער גרויס, **אם יש תורת כלי עליו**, דאס הייסט ס'איז יא א כלי, דאס הייסט די אבן האט מען מייחד געווען פאר א כלי, אדער די קורה האט מען מייחד געווען, ער האט דאך יעצט אויסגערעכנט אז אבנים וקורות זענען אינו כלי, זאגט ער דאס איז ווען ס'איז נישט קיין כלי, אבער אויב ס'איז דא א אבן אדער א קורה וואס דאס איז יא א כלי, אפילו אויב ס'איז זייער גרויס, דאס הייסט נישט די גרויסקייט אדער די פראקטישקייט מאכט עס פאר א כלי, נאר פאר וואס ס'איז מיועד פאר. **אם יש תורת כלי עליו**, אויב ס'האט א תורת כלי, **מטלטלין אותה.**

וואס מאכט א תורת כלי? ער זאגט נישט, אויב מ'האט עס מייחד געווען פאר דעם אדער... אזוי זאגן זיי, אבער דא זאגט ער נאך נישט. מ'וועט אפשר זען אין די נעקסטע הלכות. אבער די חידוש איז כולי, אז דו האסט געמיינט אז אויב ס'איז אזוי גרויס מ'קען עס קוים רירן, מ'דארף צען יודן עס צו רירן, וואלט עס געהייסן נישט קיין כלי? ניין, ס'הייסט נאך אלץ א כלי. אפילו אויב ס'איז א גרויסע טירחא. טירחא איז נישט קיין איסור, איסור איז ס'זעט אויס ווי וואכעדיג, טירחא איז נישט קיין איסור.

### דלתות הבית — טירן פון א הויז

זאגט ער ווייטער, **ועפר וחול והמס, דלתות הבית**, טירן פון די הויז, **אף על פי שהן כלים**, זענען כלים. וואס הייסט זיי זענען כלים? מ'קען זיי נוצן? ניין, זיי זענען כלים, נישט קיין בנין, ס'הייסט נישט קיין... ס'איז א חלק פון די בנין. יא, ס'הייסט א כלי. וואס הייסט א כלי? מיר האבן געלערנט כלים שוין. עפענען און צומאכן די טיר מאכט עס דאך פאר א כלי. נישט ס'מאכט, ס'איז א כלי. ס'איז נישט קיין בנין, ס'איז נישט קיין אבן וואס איז אין די וואנט, א חלק פון די בנין.

דא רעדט מען לאו דוקא אבן הקורא, ס'איז נישט קיין אבן הקורא, ס'איז נישט קיין דבר שאינו מיוחד לטלטול, ס'איז מיוחד לטלטול, ס'איז מיוחד לטלטול סתם אזוי, ווייל מ'האט עס נישט געמאכט מ'זאל עס טראגן א גאנצע צייט. דאס הייסט עס מעג נעמען, ס'איז נישט אזוי ווי די זאך וואס איז נישט קיין כלי וואס מען נוצט עס נישט, מען נוצט עס יא, אבער אבער אויב ער איז נישט לטלטל, ס'איז נישט געמאכט געווארן אבער לטלטל עס ארומצוטראגן, דאס הייסט עס רוקן אויף די הינדזשעס, דאס איז וואס עס איז געמאכט פאר, אבער עס רוקן מער פון דעם, נישט. אינטערעסאנט.

אזוי אויך, אם די ספארק, וואס האט זיך אראפגעבראכן פון די פלאץ וואו עס באלאנגט, אפילו בשבת, אפילו ערב שבת ווען עס איז געווען א געהעריגע טיר, אבער אום שבת איז אראפגעקומען פון דארטן, **אסור לטלטל**. פאר וואס? ס'איז א כלי? ניין. וואס מיינט ער וועט, **אף על פי שאינו כלי**? דאס הייסט, זייער גוט, ס'איז א כלי שלא מוכן לטלטל. סאו הגם ס'איז... סאו ס'איז נישט געגוג באמת עס זאל זיין א כלי.

דאס וואס מען זאגט יעצט אז א זאך וואס ס'איז א כלי מעג מען טלטל זיין, דארף מען אביסל מסביר זיין, דארף עס אביסל פיקסן. ווי לאנג ס'איז א כלי? א דבר המיחל לטלטל. איך האב, איך קען דיר טרעפן אן אופן וואס ס'איז א זאך וואס ס'איז א כלי אבער עס איז נישט קיין זאך וואס ס'איז מוכן לטלטל. אוודאי געווענליך איז ער נישט מוכן לטלטל ווייל ער איז נאך אויפן טיר. אבער לאמיר זאגן עס איז אראפגעפאלן שבת, נאך אלס איז עס אסור בטלטול. דאס הייסט, יעצט הייבט זיך אן די נושא, הייבט זיך אן די שאלה, אויב מעג מען טלטל זיין? דער תירוץ איז נעין, ווייל הגם ס'איז א כלי, אבער ס'איז נישט געמאכט אויף צוריקצולייגן. איידער.

**ואי חור ואי מאוס**, איז אויך א זאך וואס איז נישט קיין כלי, איינמאל עס איז נוטה ממקומו טאר מען עס נישט צוריקרוקן. ווייטער.

### בן שמונה חי

**בן שמונה חי**, א קינד וואס איז געבוירן געווארן אין די אכטע חודש, האט מען שוין געהאט די הלכה, אז אין די צייטן פון חז"ל האט מען דאס אנגעקוקט ווי א מענטש וואס האט נישט קיין טשענס צו לעבן, **הרי הוא כאבן ואסור לטלטלו**, ער איז אויך נישט קיין כלי, אבער ער הייסט אויך נישט קיין מענטש. א מענטש מעג מען יא, א מענטש איז א... וואס איז א מענטש, א כלי שמלאכתו להיתר? א מענטש איז א מענטש! אבער א בן שמונה... מיר קוקן אויף די הלכה, אבער א בן שמונה האט נישט קיין דין ווי א לעבעדיגע מענטש, **ואסור לטלטלו**. עס ווערט אנגערופן דאס וואס אן איינציגער כלי, אדער וואס אנדערע מענטשן קענען עס מוקצה מאכן מצדו, אבער א זאך וואס איז נישט ראוי פאר גארנישט. דאס איז א זאך וואס איז נישט א כלי, אזוי זאגט דער רמב"ם. דער רמב"ם בלענדט א זאך וואס ס'איז גארנישט, ס'איז נישט קיין כלי. יא.

### טלטול שלא לצורך תשמישו — נוצן א כלי פאר אן אנדער צוועק

זאגט דער רמב"ם אזוי: **מותר לטלטל כלי, אפילו שלא לצורך תשמישו.** עס איז דא א חומרא... עס איז דא א חומרא, א שיטה וואס מעג נאר נוצן א כלי פאר די ספעסיפיק זאך אויף וואס עס איז באשאפן געווארן. א בעכער האט מען נאר געמעגט טרינקען אין דעם. יא, ער רעדט דאך פון א כלי שמלאכתו להיתר יעצט. דו זאגסט אז א כלי מעג מען נאר ניצן פאר וואס ס'איז געמאכט געווארן, א טעלער דווקא צו עסן און א קאפ דווקא צו טרינקען.

אבער זאגט דער רמב"ם, ניין, **מטלטלין את הכלי אפילו שלא לצורך תשמישו, אלא לעשות בו מלאכה שלא נעשה לשמש בה**, אפילו צו טון א מלאכה וואס נישט פאר דעם איז דער כלי באשאפן געווארן.

### ביישפילן פון די משניות

**כיצד? נוטל אדם קרדום לפצוע בו אגוזים**. אזויווי דו האסט פריער געזאגט, מען מעג ניצן א האמער לפצוע בו אגוזים, אפילו אויב ס'איז א מין האמער וואס איז נישט געמאכט געווארן פאר אגוזים. דארט איז א כלי שמלאכתו לאיסור, מעג מען ניצן פאר א דבר היתר. **קרדום לחתוך בו דבילה**, מען מעג ניצן א זעג וואס איז געמאכט געווארן, געווענליך איז עס א איסור צו ניצן פאר בויען, מעג מען אבער ניצן אויב מען וויל עס ניצן פאר עסן.

קרדום איז א האק, אדער? קרדום לחתוך בו, וואס איז א קרדום? מ'גראבט מיט דעם? ניין. בקיצור, ס'איז עפעס א טול, אבער... ס'איז א שארפע שאוול, יא. איך האב געמיינט אלעמאל אז קרדום איז אזויווי א האק, אבער ס'מאכט נישט קיין סענס. וויאזוי מ'זאל צעהויפן מיט א קרדום? דו וועסט שניידן די דבילה? איי דאונט נאו. ניין, קרדום לחתוך בו. א קרדום איז געמאכט, עיקר אויך א זעג וואס מ'האקט מיט דעם האלץ. אזוי ברענגט ער פון משניות. אקעי, וואס איז די סוד פון לחתוך בו, ווייס איך נישט. עניוועיס.

**מגירה**, מגירה איז אויך עפעס א סארט זעג, **לגור בו את הגבינה**, צו צושניידן הארטע קעז. **מרגריפה**, איך מיין מרגריפה איז א שאוול, **לגרוב בו את הגרוגרות**, צו לייגן אויף דעם גרוגרות. **הרחת**, וואס איז א רחת? ס'איז א מזלג, די גאפל וואס מ'נוצט פאר תבואה, **נותן עליו חילק לקטן**, צו ניצן אלס א לעפל פאר א קטן. פארשטייסט? אויב ס'איז נישטא קיין אנדערע גאפל, נוצט מען דעם ריזן גאפל.

**כוש וקרקר**, זענען אזעלכע סארט גרויסע נאדלעך אזויווי וואס מ'נוצט אין אריגה, כלי שמלאכתו לאיסור פון אריגה, **לדקור בו**, ארייצושטעקן מיט דעם עפעס וואס מ'מעג יא ארייננשטעקן. **מחט של סקאים**, א מחט וואס מענטשן וואס נייען זעק נוצן, **לפתוח בו את הדלת**, צו אפשפארן א טיר. צו ברעיקן די לאק, וואס הייסט עס? צו פיקן א לאק. פיקן א לאק, אויב מ'מעג שבת, יא. **איז א מכתשת לשו ולתו**, ער מעג נוצן א מכתשת, א זאך וואס מ'האט פריער געזאגט איז געמאכט געווארן צו טוחן זיין דערמיט, מעג מען נוצן אויב ס'איז א גרויסע כלי צו זיצן דערויף.

### דער יסוד: א כלי איז געמאכט פאר שימוש

סאו זאגט ער דא אז סיי כלי שמלאכתו להיתר און סיי כלי שמלאכתו לאיסור מעג מען נוצן פאר סיי וועלכע תשמיש וואס איז א תשמיש פון היתר, וואס מ'נוצט די כלי אזוווי א כלי אבער פאר אן אנדערע צורך. יא.

ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך, ווייל אונז וואלטן מיר געקענט טראכטן אז נוצן א כלי פאר עפעס וואס ס'איז נישט געמאכט איז דאס זעלבע ווי נוצן א שטיין. ווייל, יא, ביידע, דא איז שוין איינער קלי, ער וויל דאך יא נוצן יעצט א שטיין צו געבן אויף דעם צו עסן. סאו א האמער מעגסטו יא געבן אויף דעם צו עסן, ווייל ס'איז א כלי. טוישן פון איין תשמיש צו די אנדערע מעג מען, אבער עפעס וואס איז בכלל נישט קיין תשמיש צו נוצן, דאס טאר מען נישט.

איינמאל ס'איז א כלי, איינמאל ס'איז א כלי איז עס עפעס וואס איז געמאכט געווארן פאר דיר צו נוצן. פונקטליך וועלכע זאך צו נוצן איז שוין א דיטעיל, אבער איינמאל ס'איז א כלי איז עס עפעס וואס איז געמאכט צו נוצן.

אינטערעסאנט, יא, ווייל אונזער קאפ ארבעט נישט אזוי. ס'איז דא נוצן פאר וואס ס'איז געמאכט, אדער, און נאכדעם איז דא פראקטישקייט פון נוצן עניטינג פאר עניטינג. איך וואלט געזאגט אז לייגן אויף א האמער ברויט איז אזוי ווי לייגן ברויט אויף א שטיין. פארוואס? ווייל ביידע איז נישט גענוצט די כלי פאר די זאך וואס ס'איז גענוצט געווארן. ס'איז נישט געמאכט צו נוצן בכלל, ס'איז נישט געמאכט צו רוקן, ס'איז געמאכט צו בלייבן אזוווי א שטיין, לאז עס בתור שטיין. א כלי איז א דבר לשמוש אדם, סאו רוקן מעגסטו עס.

זאכן וואס דו ווילסט מאכן א נייע עסק, כאילו אפשר זאגסטו אפשר איז דא איינער וואס האט געמאכט אזא שיטה. אין כלי ניטל אלא דבר הניטל, דארט איז דא אזא שיטה. זייער גוט, אבער גייען מיר א פסק, קען זיין אז ס'איז אנדערש. פארשטייסט די חילוק? ס'איז נישט עפעס אזוי שווער. דו האסט נישט קיין כלי בכלל, אקעי.

**מחט של יד השלימה — להוציא את הקוץ**

**נוטל אדם מחט של יד השלימה** — א מענטש מעג נעמען א מחט, א נאדל, **של יד**, ס'הייסט א נאדל וואס מ'נוצט מיט די הענט, נישט עפעס וואס מ'נוצט אין א מאשין פארוואס, **השלימה**, וואס איז גאנץ. ***להוציא את הקוץ***, ארויסצונעמען א מענטש וואס האט א קוץ, מעג מען נוצן א מחט פאר די זאך. לכאורה באופן וואס עס גייט נישט ארויסנעמען בלוט, פארשטייט זיך.

**אבל**, דאס איז דווקא א שלימה, אבער א גאנצע. **אבל אם אינה שלימה**, אויב ס'איז נישט קיין שלימה, ס'איז א צעבראכענע מחט, **אם נטל הקצה הנקב ולא הקצה החדה**, דער נאדל האט צוויי זייטן, איין זייט איז שפיציג און איין זייט האט א זייט פארשטופט.

**פרק כה: איסור טלטול — גולם כלי, כלי שנשבר, ומוקצה מחמת חסרון כיס**

**הלכה ח: מחט השלימה, מחט שנשברה, וגולם מחט**

## Speaker 1:

פארוואס? **השלימה, וואס איז גאנץ, ליטול בה את הקוץ**, ארויסצונעמען א מענטש וואס האט א קוץ, מעג מען נוצן דעם מחט פאר דער זאך. לכאורה באופן וואס ס'גייט נישט ארויסנעמען בלוט, פארשטייט זיך.

אבל, דאס איז דווקא השלימה, אבער א גאנצע. אבער **אם אינה שלימה**, אויב ס'איז נישט קיין שלימה, ס'איז א צעבראכענע מחט, **אם ניטל הקצה הנקב שלה או הקצה החוד**, די נאדל האט צוויי זייטן, איין זייט איז שפיציג, און איין זייט האט אזא לאך וואו מ'קען אריינלייגן די פאדעם. אויב ס'האט זיך אפגעבראכן איינע פון די צוויי זייטן, **הייסט עס נמרא כלי, ס'ווערט אזוווי דבר שאינו כלי, אין מטלטלין אותו.**

אבער פארקערט יא, **ואם הוא גולם**, דאס הייסט, ווען ס'איז שוין געווען א כלי און ס'איז געווארן קאליע. אבער מוסיף גולם, **ועודנו לא נקוב**, עפעס וואס האלט אינמיטן ווערן א כלי, **מותר לטלטלו**, טרעפט מען דערפון א סיבה פארוואס מ'מעג יא.

**דיון: פארוואס איז א גולם בעסער ווי א צובראכענע מחט?**

## Speaker 2:

וואס? דאס איז כאילו געווארן ערגער. דאס הייסט, די גולם איז יא יוזפול, ווייל די גולם גייט מען נאך ענדיגן, און אין די מינוט קען מען עס נוצן פאר עפעס אנדערש. און ווען ס'איז צעבראכן, ווארפט מען עס אוועק, ס'איז שוין מער נישט קיין כלי.

## Speaker 1:

מ'קען עס דאך אלץ נוצן פאר די ליטול בה את הקוץ. מ'קען עס נוצן פאר א שטיין.

## Speaker 2:

ניין, נישט א שטיין. א שטיין נוצט מען נישט פאר א קוץ. העלאו, מ'דארף האבן א שפיציגע זאך.

## Speaker 1:

שאל נא, זיי מיר מסביר. די מחט איז עפעס א קליינע זאך, ס'איז געמאכט צו נייען דערמיט. אבער אויב איך וויל קען איך עס נוצן פאר א טוויזער, גייט? און אויב ס'איז צעבראכן, קען איך עס דאך אלץ נוצן פאר א טוויזער, אמת? נאר אלס כלי. אבער ווען ס'איז קיינמאל נישט געווען, ס'איז נאך רוי, רייט? מ'האט נאך נישט געמאכט קיין שפיץ אדער קיין לאך, ס'איז עפעס א סטעפ אין די ארבעט וואס מ'דארף מאכן, דעמאלטס איז אויך נאך נישט קיין כלי, פארוואס מעג מען עס נוצן?

**תירוץ: כלל אין תורת כלי — צובראכן לעומת אונטערוועגנס**

## Speaker 2:

איך מיין, קודם כל, די הלכה דארף מען לערנען מער כלליות'דיג. דער רמב"ם זאגט דא אז די אלע כלים איז נאר געזאגט געווארן ווי לאנג ס'איז א כלי. אבער עפעס וואס איז געווארן צעבראכן, למשל, א מחט וואס האט זיך אפגעבראכן א שטיקל, וואס פון דעמאלטס קוקט מען עס שוין נישט אן ווי א כלי, אפילו דו האסט געטראפן א שימוש דערפון, אזוי ווי א מענטש האט געטראפן א שימוש מיט א שטיין, ס'מאכט עס נישט פאר א כלי. פארוואס איז געווארן אויס כלי איז געווארן אויס כלי.

מה שאין כן א זאך וואס איז אונטערוועגנס צו ווערן א כלי, די פיוטשער דערפון איז צו זיין א כלי, איז הואיל דו האסט יעצט געטראפן עפעס א יוז וואס פאר דיר איז עס שוין יעצט א כלי, הייסט עס א כלי. דאס הייסט, די זאך, די מחט איז נישט עפעס וואס מ'ווארפט אוועק, מ'האלט עס ווייל מ'גייט עס צו ענדיגן צו מאכן א כלי. און פאר א צווייטע מענטש וואס האט נישט קיין קוץ איז עס נישט קיין כלי, אבער ס'גייט ווערן א כלי, און פאר דעם מענטש איז שוין יעצט א כלי ווייל ער טרעפט א שימוש דערפון, פאר אים הייסט עס שוין א כלי.

אבער ווען ס'איז א געוועזענע כלי, זאגט מען נישט אז ווייל פאר דיר איז עס בטל בדעתך, איז עס א זאך וואס מ'ווארפט אוועק. אבער דא וואס ס'גייט נאך ווערן א כלי...

**דיון: איז א גולם ענליך צו א שטיין?**

## Speaker 1:

ביי די וועי, ס'איז שוין אריין א ווארט וועגן א שטיין ווארפט מען נישט אוועק, אבער ס'איז געמאכט צו בלייבן א שטיין. ס'איז נישט אנגעקומען צו מ'ווארפט עס אוועק. סאו דאס פארשטיי איך נישט. פארוואס איז די גולם ענליך צו א שטיין? ווייל מ'גייט מאכן... אויב איך האב א שטיין, אויב איך האב א גולם כלי עץ, איז עפעס אנדערש ווי א שטיין וואס מ'גייט פון אים מאכן מארגן אלעס וועגן איך האב א שימוש דערפאר? איך מיין אז...

## Speaker 2:

איז נישטא קיין הלכה אז א גולם הייסט א גולם? א גולם איז נישט עפעס וואס איז בכלל נישט געמאכט פאר א כלי. ס'איז שוין א האלבער כלי. די שארפקייט האט מען שוין געענדיגט, אבער מ'האט נאך נישט געענדיגט די

אנדערע העלפט. איז אויב האט מען נישט קיין צורך דערפון הייסט עס א גולם, אבער אויב האט מען א צורך דערפון הייסט עס שוין א כלי. יעדע גולם שבעולם, יעדע זאך וואס א שטיקל האלץ וואס מ'האט עס שוין געמאכט, ס'איז א שטיקל האלץ, א טו ביי פאר, ס'איז נישט קיין שטיקל בוים, אבער מ'האט עס נאכנישט געמאכט פאר א כלי, מעג מען אויך טראגן אויב איך האב עפעס וואס איך קען טון דערמיט?

### Speaker 1:

מ'דארף וויסן ביי ווען א זאך באקומט א שם כלי. ס'קען זיין אז א מחט וואס האט נאך נישט קיין נקב הייסט שוין א שם כלי. און ס'קען זיין די האלץ וואס דו זאגסט... וואס איז ארגער געווען? אויב א מחט אן א נקב איז עניוועי א כלי, דעמאלט ווען ס'ווערט צובראכן איז עס נאך אלץ א כלי. ווייל די מחט איז אונטערוועגנס צו בלייבן א כלי. ס'איז שוין געווארן א כלי, ס'גייט ענדיגן ווייטער זיין א כלי. דו דארפסט מיר מאכן זיין וועלכע הלכה דו ווילסט מחדש זיין. איין הלכה איז אז צובראכענע כלים ווערן ערגער פון כלים וואס זענען קיינמאל נישט געווען קיין כלים. איך ווייס נישט פארוואס, אבער ווי מער צובראכן קען מען עס נאכנישט ניצן, און ווי ווייניגער צובראכן קען מען עס יא ניצן. סאו דו טרעפסט א שימוש דערפאר העלפט נישט. סאו איך בין מיסינג עפעס. אויף דו האסט מיר אן אנדערע הלכה... מען זאגט אזא זאך אז עס גייט זיין א כלי וואס איז א עומד ליהנות כלי, I don't think דאס האט שייכות.

**ראיה פון גמרא שבת: מחט אן נקב איז א כלי פאר קוצים**

### Speaker 2:

ווייל די גמרא אין מסכת שבת זאגט אז ווען איינער גרייט אן אזעלכע מחטים, אמאל מאכט ער אפ אז ס'פעלט נישט אויס צו מאכן די נקב, ס'איז גוט, מ'קען עס לאזן אזוי, ס'איז א כלי פאר קוצים. אזוי זאגט די גמרא אין מסכת שבת. דאס הייסט, אין די מינוט דער מענטש טרעפט, "אה, איך האב דא א קוץ, פערפעקט," האט ער גענומען די מחט, און ס'איז לכתחילה געווען אזא יכולת.

### Speaker 1:

איך רעד דאך דיר ווייטער לויט וואס איז א קוץ, יא? זייער גוט. אבער די גולם, ווייל סתם איז עס א כלי שמלאכתו לאיסור, אבער די גולם כלי, גולם מחט, איז בעצם יא א כלי. ס'איז נישט אז איך דענק לאנג אז ס'איז א גולם, נאר דו זאגסט מיר פון די גמרא, איך זע נישט, פארוואס טרעף איך נישט די שטיקל דא? דו זאגסט מיר דאך פון די גמרא אז דאס איז אנדערש, ווייל די סארט זאך איז יא, ס'איז אן אמת אז מ'האט גראדע געפלאנט דאס צו מאכן פאר א מחט, אבער בעצם איז דאס יא שביר, משבר אים. פארוואס זאגט די גמרא דאס פארוואס? ווייל א מענטש איז זיך מיישב אז ס'איז גוט פאר א קוץ. מ'דארף טרעפן די אנדערע גמרא'ס וואס רעדן, איך וואלט געזאגט אז ס'איז אנדערש ווי ער שטעלט זיך. אקעי, איך פארשטיי וואס דו רעדסט.

**פארוואס ברענגט דער רמב"ם דעם פרט פון מחט?**

### Speaker 2:

ס'איז אינטערעסאנט אז דער רמב"ם זאגט עס אין די וועג, ער זאגט עס נישט מער אויף א כלליות'דיגע לשון, אז יעדע כלי וואס איז געווארן פסול פון זיין כלי... מ'האט שוין געלערנט די הלכה. דער רמב"ם זאגט נישט כללים, דער רמב"ם זאגט נאר א פרט. אבער דא אין דעם פרק רעדט ער יא אביסל כלליות'דיגע לשונות, ער זאגט "כל כלי שמלאכתו להיתר", "כל כלי שמלאכתו לאיסור", ער געבט גדרים. און נישט איינס ביי איינס כלי. אבער די מחט, פארוואס וויל ער דאך זאגן די זאך? אז איינמאל ס'איז געווארן בטל פון תורת כלי, זאגט מען נישט אז ס'בלייבט אויף אייביג א כלי. יא, דאס איז אפשר פשוט. אפשר די חידוש איז ווייל דא ביי די מחט איז דא אן אופן וואס ס'איז יא א גולם, איז דא א חידוש.

---

**הלכה ט: מוקצה מחמת חסרון כיס — א פערטע קאטעגאריע**

### Speaker 2:

יעצט גייען מיר לערנען א דריטע... אונז האבן שוין געלערנט דריי קאטעגאריעס: מלאכתו להיתר, מלאכתו לאיסור, און עפעס וואס איז נישט קיין כלי. און יעצט גייען מיר לערנען נאך א סארט כלי.

זאגט דער רמב"ם אזוי: **כל כלי שמקפיד עליו שמא יפחות דמיו**, וואס מ'איז מקפיד אז ס'וועט ווערן ווייניגער ווערד, **כגון כלים המוקצים לסחורה**, כלים וואס זענען מוקצה. מוקצה טייטשט אפגעשיידט, יא? לשון קצה, ביי די עק. עפעס וואס מ'האט געלייגט ביי די עק, יא? איך וואלט געזאגט אוועקגעלייגט. הוקצה לסחורה, וואס מ'האט אוועקגעלייגט צו פארקויפן. און עפעס וואס מ'לייגט אוועק צו פארקויפן וויל נישט דער מענטש זאל ניצן, ס'זאל בלייבן שיין, ס'זאל בלייבן גרייט לסחורה.

**אדער כלים היקרים ביותר שמקפיד עליהם שלא יתפסלו**, וואס מ'איז מקפיד אז ס'זאל נישט ווערן קליע. **אסור לטלטלן בשבת, וזהו הנקרא מוקצה מחמת חסרון כיס**. אזעלכע סארט זאכן טאר מען נישט מטלטל זיין בשבת בכלל, נישט אזוי ווי א כלי שמלאכתו לאיסור וואס מ'מעג פאר נאר די דריטע זאך, לצורך עצמו, טאר מען נישט. אזא כלי טאר מען בכלל נישט. וזהו הנקרא, דאס איז וואס ווערט גערופן אין די גמרא מוקצה, ס'איז מוקצה, א מענטש איז עס מקצה פון עס ניצן, פון עס אנקוקן ווי עפעס וואס ער ניצט, מחמת חסרון כיס, ווייל ס'גייט אים שאדן זיין די געלט.

**ביישפילן פון מוקצה מחמת חסרון כיס**

### Speaker 2:

**כגון, ברענגט ער וואס למשל איז עס, המיצר הגדול**, א גרויסע האק. **ויסוד של מחרשה**, עפעס א ספעציעלע נאגל וואס מ'ניצט אין די מחרשה וואס מ'אקערט די פעלד. **וסכין של טבחים, וחרב של אשכפים**, א מעסער וואס דער שוחט ניצט, אדער א מעסער וואס דער לעדער-מאכער ניצט. אשכפים זענען מענטשן וואס מאכן שיך, סנדלר'ן, יא. **וחוט של חרשים**, און די מעסער וואס חרשים, דער וואס מאכט חרש עץ, דער האלץ-שניצער, דער מענטש וואס מאכט טישלען, א טישלער, אה, טישלער. ניין, טישלער איז דער וואס איז א שולחני. אקעי, חרשים מיינט חרש עץ וחרש אבן, איינער וואס ארבעט מיט האלץ. **וקורנס של בסמים**, די האמער וואס איז געמאכט צו קלאפן בסמים. **וקישוטין**, וואס די אלע זאכן ניצט מען קיינמאל נישט אויסער די ארבעט.

**דיון: פארוואס זענען די ביישפילן אלע כלי שמלאכתו לאיסור?**

### Speaker 1:

איך מיין אז מ'דארף דא צולייגן, א מוקצה מחמת חסרון כיס האט ער אויך אויסגערעכנט זאכן וואס איז א כלי שמלאכתו לאיסור און ס'איז מוקצה מחמת חסרון כיס, ממילא האט מען עס קיינמאל נישט ניצן נישט פאר די איסור. יא, א כלי שמלאכתו להיתר האט ער נישט אויסגערעכנט. א גאלדענע בעכער ניצט מען דאך צו טרינקען, מ'מעג ניצן צו טרינקען. אדער א טייערע ספר וואס איז אלט טויזנט יאר וואס ס'ליגט אין אן אוצר, ס'איז א ספר, אויף מ'וויל עס לערנען, ווייסט, לאמיר זאגן ס'איז געקומען צו אן אדם חשוב, וועט ער מן הסתם לערנען דערין. אבער א כלי שמלאכתו לאיסור, לאיסור טאר מען דאך עס נישט ניצן ווייל ס'איז אסור. פאר עפעס אנדערש גייט מען עס קיינמאל נישט ניצן ווייל מ'שוינט עס.

### Speaker 2:

אזוי איז עס נישט מוקצה? אפילו לצורך דבר המותר? אפילו לצורך דבר המותר גייט ער עניוועי נישט, אויב דו זאגסט אז ער איז נאך מקפיד דערויף. ניין, אפילו ער וואלט שבת וואלט ער עס יא געוואלט, טאר ער נישט. ער האט א האנט אין דעם, ער איז מבטל זיין מוקצה מדעתו. ס'איז נישט אז ער איז מתיר פאר דעם.

### Speaker 1:

אבער אסור לטלטל מיינט בעיקר לצורך גופו, אקעי, לצורך גופו, לצורך מקומו. אבער דא איז דאך א חלות, ס'איז דאך נישט קיין וועג עס צו ניצן.

### Speaker 2:

אקעי.

### Speaker 1:

אזוי אז נוצן מעג מען יא. אסור לטלטל מיינט ווען ס'איז נישט פאר די איסור. וואס מיין איך? ער וויל דיר זאגן לפי מה שהתבאר מקודם, בקשר פון די כלי שמלאכתו לאיסור, א דבר היתר, צו געבן פאר עסן פאר א קינד אויף די קארנערס. מיר האבן געהאט די קארנערס לאכול בהם אגוזים. יענע קארנערס, ווייל מ'נוצט עס אמאל דארט. אה, רייט, יא, איך בין מסכים.

#### דיוק אין דער סברא: וואס מאכט מוקצה מחמת חסרון כיס שטרענגער?

### Speaker 2:

מ'קען נישט זאגן אזוי ווי יעדע כלי שמלאכתו לאיסור איז אויך דא אין דעם אז אמאל איז עס מלאכתו להיתר. אבער אזוי אזוויי א כלי שמלאכתו לאיסור וואס מ'נוצט קיינמאל נישט פאר עפעס אנדערש. ווייל די פוינט דא איז אז ס'איז מוקצה. ביז יעצט האב איך נישט געזאגט דאס ווארט מוקצה. אה, איך האב אפשר געזאגט דאס ווארט מוקצה. ווייל מוקצה טייטשט, די זאכן, ווען ס'קומט שבת, וועלן מיר זען, איז ער מקצה מדעתו. ס'איז ארויס פון זיין... ער גייט עס, אזוויי דו זאגסט, ווייל ער גייט עס קיינמאל נישט נוצן, ווייל ס'איז דאך נישט קיין שבת'דיגע זאך, ער גייט עס נישט נוצן, וועגן דעם איז עס אסור. נישט אזוויי די פריערדיגע זאכן וואס זענען אנדערש.

### Speaker 1:

איך האב אפשר געזאגט אביסל אנדערש. ס'איז א כלי שמלאכתו לאיסור וואס איז מוקצה פון עניטינג עלס ווי די רעגולער תשמיש. רייט, ס'איז... רייט, די איסור דערפון איז נישט וועגן כלי שמלאכתו לאיסור. די איסור איז ווייל עני אנדערע תשמיש האט מען זיך אפגעזאגט דערפון, ווייל מ'שוינט עס, ממילא בלייבט עס א כלי שמלאכתו לאיסור וואס איז אסור אונז צו נוצן.

### Speaker 2:

ניין, דו קענסט אפילו נישט זאגן אזוי, ווייל ס'איז נישט אז ס'בלייבט א כלי שמלאכתו לאיסור, ס'בלייבט מוקצה, ווייל דאס איז אויך די סארט מוקצה. דו מוטשעסט זיך כאילו ווייל... וואס איז אויב ער וויל נוצן די זאך פאר זיין אייגענע זאך? דעמאלטס איז עס נישט מוקצה. מאך עס אז ס'איז נישט מוקצה. ס'איז אוועקגעלייגט. מוקצה טייטשט אוועקגעלייגט. מוקצה טייטשט אוועקגעלייגט. מוקצה טייטשט אוועקגעלייגט. קומט שבת, מ'לייגט דאס אוועק. דאס קען זיין אז מ'גייט מיט דעם מיט אויב ס'איז אנגענומען אז די זאך...

#### מוקצה מחמת איסור — נר, מנורה, שולחן שעליו מעות, וכלים שנשברו

#### מוקצה מחמת איסור — דער רמב"ם'ס שיטה

### Speaker 1:

מוקצה טייטשט אוועקגעלייגט. מוקצה טייטשט אז ס'איז אוועקגעלייגט. ס'קומט שבת, מ'לייגט דאס אוועק, דאס איז אוועקגעלייגט. קען זיין אז מ'גייט מיט דעם מיט... אויב איך האב שוין אנגענומען אז די זאך... דאס דארף מען וויסן, די שאלה פון די אויבערמאנטע...

סאו, ס'איז שוין אוועקגעלייגט. דו רעדסט פון עפעס וואס איז נישט אוועקגעלייגט, הייבט זיך שוין אן די שאלה. די שאלה איז פארוואס איז עס אוועקגעלייגט? ס'איז אוועקגעלייגט ווייל ס'איז חסרון כיס. אקעי.

#### דער רמב"ם'ס סיסטעמאטישע מהלך אין מוקצה

דער רמב"ם, אינטערעסאנט, ער האט זייער קלאר די מהלך. ער רעכנט אויס די זאכן וואס זענען נישט מוקצה, און דעם איז אינקלודעד לך תלישה ולך תלתה און מכין מיום חול על יום טוב און די אלע זאכן. און ער רעכנט אויס די סארט מוקצה. אינטערעסאנט. דאס הייסט, די זאכן וואס מ'נוצט נישט, אן אבן, איז נישט וועגן ס'איז מוקצה, נאר ווייל ס'איז גארנישט, ス'איז נישט. דאס הייסט, די מוקצה איז וועגן די חשיבות נוצט מען עס נישט. אן אבן נוצט מען עס נישט פארקערט, וועגן די חוסר חשיבות.

#### הלכה י: כל כלי שהוקצה מחמת איסור

ווייטער, זאגט דער רמב"ם נאך, **כל כלי שהוקצה מחמת איסור**, יעדע כלי וואס איז געווארן אפגעשיידט פונעם מענטש, איז געווארן מוקצה, ס'איז געווארן געלייגט אין די זייט, וועגן די איסור **אסור לטלטלו, כגון**, איז ער מסביר, **נר שהדליקו בו בשבת**, א לעכטל וואס מ'האט אנגעצונדן אין שבת, **או המנורה שהיה הנר עליה**, אדער די לאמפ, די מנורה וואס מ'האט געמאכט די לעכט, **או שולחן שהיו עליו המעות. אפילו שכבה הנר או שנפלו המעות, אסור לטלטלן**, מ'טאר עס נישט מטלטל זיין. פארוואס? **שכל כלי שהיה אסור לטלטלו בין השמשות**, א זאך וואס מ'האט נישט געטארט מטלטל זיין בין השמשות, **נאסר לטלטלו כל השבת כולה**, מ'טאר עס נישט מטלטל זיין גאנץ שבת, **אף על פי שהלך הדבר שגרם לו איסור**, אפילו די זאך וואס האט גורם געווען די איסור איז שוין מער נישטא.

דאס הייסט, ווי לאנג ס'איז געווען דארטן א נר, האט מען עס נישט געטארט נוצן בכל אופן. מ'האט עס נישט געטארט נוצן אפילו פאר א דבר שמלאכתו להיתר למשל. מ'האט נישט געטארט, ווייל רוקן א נר איז א שמא יכבה, אדער ס'איז א זאך וואס איז אסור צו נוצן, אדער געלט איז אסור צו ארומרוקן. ממילא, אפילו אויב מיט די נר קען מען טון, לאמיר זאגן א דבר המותר, אבער ס'איז נישט געווארן מותר ווייל ווען ס'איז געווארן שבת איז עס געווען מוקצה. ס'איז אוועקגעלייגט פון זיך. ס'איז אוועקגעלייגט. פארוואס פאלט עס אוועק? יא. און מ'זעט דא אויך אויטאמאטיש אז די אש אדער די מעות זענען עפעס וואס מ'איז נישטא קיין וועג עס צו נוצן שבת. די טייטש, למשל, ער וואלט נישט געזאגט אז מעות קען מען נוצן אפצואווישן די נאסע. ווייל ס'וואלט געווען אזוויי א מוקצה מחמת חסרון כיס. ממילא, נישט נאר דאס איז אסור, נאר די כלי אויף וואס ער ליגט איז אויך געווארן אסור.

### Discussion: וואס מיינט "מוקצה מחמת איסור"?

### Speaker 1:

וואס איז די טייטש אז ס'איז מוקצה מחמת איסור? ווייל ער וואלט נישט געטארט רירן די נר שבת. ווייל ער האט מיר נישט צו רירן א נר שבת וואס ס'איז א מוקצה. איי, פארוואס זאל ער נישט רירן א נר שבת? ווייל ס'וועט זיך אויסלעשן? ניין. זיי רעדן יעצט פון די מוקצה אליינס, און זיי זאגן אז ס'איז מוקצה ווייל ס'איז מוקצה. ס'איז א זייטיגע זאך. ניין, לכאורה נר איז דא א איסור פון מכבה אדער פון מבעיר צו זיין ביזי מיט א נר בשבת. שוין, רב, ס'דארף נישט געזאגט, אבער ס'זעט אויס אזוי. איך בין נישט מסכים. זיי האבן יא געלערנט, זיי האבן געלערנט, זיי האבן דא נישט געעפנט א טיר פארנט פון די נר. אבער איך מיין אז, איינער האט א זייער קערעקטער, ער האט אויסגעפיגערט אז ער וועג איז מער גערירט, ס'איז נישטא קיין איסור צו רירן א דבר האסור. איך מיין אז, פארשטייסטו איך זאג, גענצליך אליינס מוקצה מחמת איסור. באט האלט דיך פאר, ס'איז מוקצה געווארן מחמת די איסור. ס'זעט מיר אויס אז עפעס איז דא זאכן וואס א מענטש האט אין זין. ווען א מענטש צינדט א לעכט, פלענט ער נישט צו נוצן שבת. מחמת איסור מיינט נישט איסור שהיא איסור הטלטול. איסור מיינט איסור ההדלקה, אדער איסור השימוש, עפעס אזוי. און די זעלבע ביי מעות, I don't know.

#### די קשיא פון כלי שמלאכתו לאיסור

מ'דארף פארשטיין, ווייל בעצם יעדע כלי שמלאכתו לאיסור איז אפשר די זאך מוקצה מדעתו, ווייל ס'איז נאר געמאכט פאר איסור. מ'דארף וויסן וואס נר אדער מעות איז דען אזוי אנדערש ווי יעדע זאך וואס איז מלאכתו לאיסור. וואס מיינט אז ס'איז מלאכתו לאיסור? צו טון מלאכות איתן? וואס איז די איסור מדרבנן? וועלכע איסור איז דאס?

### Speaker 2:

יא, מעות איז אזוויי... ס'איז נישט קיין כלי. ס'איז אן איסור מדרבנן.

### Speaker 1:

אקעי, אקעי, אקעי. און וועלכע איסור? ס'איז אן איסור דרבנן? ס'מוז זיין עפעס אנדערש גייט דא פאר. איך טראכט אז מעות איז אפשר אזויווי אויך אסור אין כיס. מ'נוצט קיינמאל נישט פאר עפעס אנדערש ווי מעות. קיינער נוצט נישט מעות אפצואווישן די נאז. ממילא בלייבט עס מוקצה נאר פאר די איין זאך וואס מ'נוצט עס, אזויווי דאס איז איסור. ס'איז דאך א כלי שמלאכתו לאיסור, איז נישט נאר מיוחד פאר איסור. ס'איז אויך דא דערויף די אפציע צו נוצן פאר היתר. ממילא מעג מען עס נוצן. ס'איז נישט אזויווי א זאך וואס מ'נוצט קיינמאל נישט להיתר, אזויווי א לעכער וואס מ'נוצט אייביג פאר... וואס דאס הייסט מלאכת איסור בשבת. אלע געלט וואס מ'נוצט, וואס דאס הייסט מסחר בשבת, איז נישט נאר ער אליין אסור, נאר אויך די כלי אויף וואס ער ליגט. דאס פארשטיי איך. די לעצטע לעוועל פון די הלכה פארשטיי איך, אבער די ערשטע לעוועל איז עפעס מיסינג דא, איך בין נישט קלאר. מעות איז א כלי שמלאכתו לאיסור? א כלי שמלאכתו לאיסור מעג מען נוצן פאר עפעס אנדערש.

### Speaker 2:

רייט, דאס זאג איך. מ'מעג זיך יא אפווישן מיט א שטיקל געלט שבת אויב מ'וויל, אמת?

### Speaker 1:

און זיי האבן עס נאכנישט געהאט. קען זיין אז געלט איז א מחוסר כיס, אדער מאכן אזוויי... געלט איז דער כיס, אבער ס'איז נישט קיין זאך וואס מ'לייגט אוועק. ס'ווערט נישט רוואינד אויב מ'ווישט זיך דערמיט, לאמיר זאגן. אבער ס'ווערט נישט רוואינד, על כל פנים. מ'דארף נאך געטראכטן. עפעס איז מיסינג דא.

#### בסיס לדבר האסור – די שולחן און די מנורה

### Speaker 1:

אקעי, אבער יעצט לעבן די עצם די הלכה, אז פון די שולחן שעליו המעות, רייט? נישט די מעות אליינס, רייט? די נר, נאכדעם די מנורה וואס די נר איז אויף דעם, און די שולחן וואס איז אויף דעם די געלט. דעמאלטס... יא?

### Speaker 2:

יא. אפילו ס'האט זיך אויסגעלאשן און שפעטער אראפגעפאלן, די זאך איז געווארן אסור עניוועיס, רייט?

### Speaker 1:

איך טראכט אז די כלי שמלאכתו לאיסור באופן זה, למשל א זאך וואס מ'האט געהאלטן אינמיטן טוחן זיין ווען ס'איז געווארן שבת, איז דאך די זעלבע זאך ווי א נר שהדליקו בו בשבת. ווייל בשעת ווען ס'איז געווארן שבת איז עס געווען עפעס וואס מ'טאר נישט... פארשטייסט איך מיין פרעג?

### Speaker 2:

האלבוועגס. וואלט איך געפרעגט עפעס וואס מ'האט יעדע זאך וואס ער האט צוגעגרייט מיט א דעת אז שבת זאל ער עס נישט טויגן צו זיין.

### Speaker 1:

זאגסטו ניין, אבער ער טראכט אז אויב ס'וועט אונטערקומען א דבר המותר וועט ער עס מעגן נוצן. אויב אזוי, וואס איז אנדערש ווי מעות אדער אנדערע זאכן? רייט, סאו עפעס איז דא something more going on here. אפילו שכבה, ער לערנט דאך נאך א זאך. דאס הייסט, א בסיס לדבר האסור, רייט? ס'איז די נעקסטע שטאפל, די נעקסטע לעוועל. רייט?

### Speaker 2:

יא. ווייל ער טראכט אפילו יא. אפילו שכבה הנר, סאו די זאך אויף וואס מ'האט געלייגט א דבר האסור ערב שבת, ס'האט געברענט א פייער ערב שבת, אפילו שכבה הנר שאין עליו מעות, ס'האט זיך שוין אויסגעלאשן די לעכט, אז די געלט ליגט מער נישט דארטן, טאר מען נישט מטלטל זיין די כלי. פארוואס? שכל כלי שהיה אסור לטלטל בין השמשות, נאסר לטלטל כל השבת. יעדע זאך וואס מ'האט נישט געטארט מטלטל זיין בין השמשות, ווייל בין השמשות איז געווען, ער האט געהאט א לעכט, ער האט געהאט מעות, איז געווארן אסור פאר גאנץ שבת. אפילו הלך דבר שגרם לו איסור, אפילו די זאך וואס האט גורם געווען די איסור איז אוועקגעגאנגען, בלייבט אבער, ער האט זיך מייחד געווען מיט דעם ערב שבת, ממילא בלייבט עס אסור.

#### חומרא פון מוקצה מחמת איסור

### Speaker 1:

סאו דאס טאר מען נישט מטלטל זיין לאיזה ענין, ער מיינט צו זאגן אפילו... בכל אופן. וואס הייסט בכל אופן? אפילו פאר א דבר המותר, די שולחן צו עסן דערויף. אבער וואס איז מיט די אנדערע אופנים וואס מ'מעג אפילו א כלי שמלאכתו להיתר?

### Speaker 2:

